בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

232

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס וֶועלְן פְּרוּיעֶן מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? .....................................ג
ווִי אַזוֹי פַארְעֶנְטְפֶערְט מֶען דִי קַשְׁיוֹת פוּן דִי קִינְדֶער? ...........................ד
זָאלְן מִיר פַארְקוֹיפְן דִי צַיְיטוּנְגֶען, וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה?...............ו
פַארְוָואס וֶוען אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוערְט מִיר שְׁוֶוערֶער?.........ז
דַארְף מֶען בַּאקְן חַלוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת דַוְקָא אוֹם פְרַייטָאג?.......................ח
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד ....................................י
ווִילְסְט אַ וַוייבּ אָדֶער ווִילְסְטוּ טְשָׁאלְנְט? ..........................................יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


רוּפְן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ דִי צַאמְקוּם...........................א
זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן וֶוייסְן פוּן דִי צַאמְקוּם...............................ב
אִין דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַזוֹיפִיל חִיזוּק מִיט פְרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן ...............ג
רֵיינֶע הַשְׁקָפָה פַאר דִי קִינְדֶער...........................................................ה
דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן קִימְפֶּעטָארִינְס............................................ה
נָאר וֶוען מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ קֶען מֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן ..................................ו
יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ'ן סְקוּל אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב...........................ו
אַ נָארְמַאלֶע פְּלַאץ זִיךְ אַבִּיסְל צוּ דֶערְוַוארֶעמֶען מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה .......................ז
נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן ........... יא
אַן אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אִיז בֶּעסֶער פוּן אַ שֵׁיינֶע דְרָשָׁה........................יב
אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי...........................יב
גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת.......................... יג
דִי אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל אִיז מַמָּשׁ אַ חָלוֹם ........................יד
וָואס מִיר טוּעֶן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ ...................יד

אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.......... טו
אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי טִיטְשֶׁערְס זֵייעֶר חָשׁוּב.......... טו
דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן קֶענֶען גוּט הִלְכוֹת שַׁבָּת.......... טז
וֵוייגֶען אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ נָאר וֶוען עֶס אִיז פוּן פְּרֵייד.......... טז
דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זֶען אַ רִיכְטִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִּירְן.......... יז
וִוי מֶער מֶען בֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ, אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט דִי שִׁידוּךְ.......... יז
וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי אֱמוּנָה.......... יח
גֶעבְּט אִיבֶּער דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע חָשׁוּבְ׳עֶ קִינְדֶער.......... יח
הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ.......... יט
הָאבּ זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן.......... כ
גֵיי וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִוויסְנְדִיג פוּן סְטְרַאשׁוּנְקֶעס.......... כא
גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.......... כב
דִי מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי בַּאזַאר.......... כג
שְׁרַייבְּן שְׁרִיפְט אוּן שְׁפְּרַאךְ אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.......... כד
לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.......... כה
עֶס אִיז פַאר דִיר אוֹיךְ דָא אַ שִׁידוּךְ.......... כה
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַבִּיסְל תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ.......... כו
פָארְן צוּזַאמֶען מַאכְן הֲפָצָה, אָבֶּער הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף מֶען טוּן אַלֵיין.......... כז
לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן.......... כח
בּוֹי אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט.......... כט
דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז נָאר צוּ בַּארוּאִיגְן.......... כט
הַאלְט אַ סֵדֶר וַוייטֶער אַזוֹי וִוי וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט.......... ל
שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הֲפָצָה, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת.......... לא
וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט.......... לב
בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִידִישְׁקֵייט, אוּן עֶרְלִיכְקֵייט.......... לג
וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל וֶוען מֶען גֵייט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען.......... לד
אוֹיסְנוּצְן דִי יוּנְגֶע יָארְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.......... לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס וֶועלְן פְרוֹיעֶן מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען זָאגְט אַלֶעמָאל פַאר דִי מֶענֶער אַז זֵיי וֶועלְן מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת, תְּפִילִין, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; וָואס אִיז מִיט דִי פְרוֹיעֶן? וָואס וֶועלְן זֵיי מִיטְנֶעמֶען? מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן אוּנְז צוּ בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָואס דִי זַאכְן זֶענֶען דָאךְ דִי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן שׁוֹין דִי שְׁאֵלָה (בְּרָכוֹת יז.): ״נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?״ מִיט וָואס פַאר אַ זְכוּתִים וֶועלְן פְרוֹיעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין לִימוּד הַתּוֹרָה? ״בְּאַקְרוּיֵי בְנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא״, נָאר מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְרָאגְן דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, ״וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן; וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן״, אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען; דָאס אִיז זֵייעֶר שְׂכַר.

דִי תּוֹרָה וָואס קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה וָואס דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען, - אִיז אַלֶעס בִּזְכוּת דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי

קִינְדֶער לֶערְנֶען און וַוארְטְן זֵיי אָפּ בַּיים אַהֵיים קוּמֶען פוּן לֶערְנֶען; זֵיי גֶעבְּן זֵיי עֶסְן, זֵיי זָארְגְן פַאר זֵיי, און אַזוֹי אוֹיךְ דִי תּוֹרָה וָואס אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען – אִיז אַלֶעס בִּזְכוּת דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי הֶעלְפְן דִי מֶענֶער זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען.

פְרוֹיעֶן דַארְפְן וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ גְרֶעסֶערֶע צוּזָאג וִוי דִי צוּזָאג פַאר דִי מֶענֶער, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת, שָׁם): "גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע צוּזָאג וִוי פַאר דִי מֶענֶער, דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה לב, ט): "נָשִׁים שַׁאֲנַנּוֹת קֹמְנָה שְׁמַעְנָה קוֹלִי בָּנוֹת בֹּטחוֹת הַאְזֵנָּה אִמְרָתִי", דֶער נָבִיא רוּפְט אָן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן מִיט אַ טָאפְּלְטֶע לָשׁוֹן, דָאס וַוייזְט אַז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעגְרֵייט סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט און סַיי אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט צוּ אַן אֵייבִּיגֶע גוּטֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי פַארֶענְטְפֶערְט מֶען דִי קַשְׁיוֹת פוּן דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אֵיין זוּן וָואס וַואקְלְט זִיךְ אַבִּיסְל אִין עֶרְלִיכְקֵייט, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ קִינְדֶער סַיי יוּנְגֶער און סַיי עֶלְטֶער פוּן אִים. לֶעצְטְנְס הָאט עֶר זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט דָאס, און אוֹיךְ רֶעדְן זֵיי זִיךְ אָפּ אַז דִי קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר קְלַאס מַאכְן חוֹזֶק פוּן זֵיי אַז זֵייעֶר בְּרוּדֶער הָאט טְרֵיפָה'נֶע זַאכְן; וִוי אַזוֹי עֶרְקְלֶער אִיךְ דָאס פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ קְלוּגֶע פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע וֶועג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אַלֶע פְרַאגֶעס וָואס קִינְדֶער פְרֶעגְן - דַארְף מֶען עֶנְטְפֶערְן, וֶוען זֵיי פְרֶעגְן אַזֶעלְכֶע הַייקֶעלֶע פְרַאגֶעס דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה.

קִינְדֶער זוּכְן אַלְץ דִי סָארְט תֵּירוּצִים; פַארְוָואס יֶענֶער מֶעג יָא אוּן אִיךְ טָאר נִישְׁט? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן וֶוען אַ צְוֵוייטֶער אִיז נָאךְ אוֹיף? קִינְדֶער זוּכְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט דִי טַעֲנָה פַארְוָואס יֶענֶער מֶעג אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ זָאגְן: "וָואס קוּקְסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? דוּ דַארְפְסְט טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג; וָואס יֶענֶער טוּט - הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִיר".

אַז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים זָאגְן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי אִין חֶדֶר - דַארְפְסְטוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מְלַמֵּד אוּן מִיטְ'ן מְנַהֵל זֵיי זָאלְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפוּלְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאלְן מִיר פַארְקוֹיפְן דִי צִירוּנְגֶען, וֶוען מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ יֶעצְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי אִיךְ זָאל פַארְקוֹיפְן מַיינֶע עֶכְטֶע צִירוּנְגֶען אוּן נוּצְן דָאס גֶעלְט פַאר אוּנְז? אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הֶעלְפְן מַיין מַאן מִיט פַּרְנָסָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְקוֹיפְט נִישְׁט אַייעֶרֶע צִירוּנְג; זַייטְס עֶנְק בֵּיידֶע מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק גֶעבְּן שֶׁפַע, עֶס וֶועט עֶנְק נִתְרַחֵב וֶוערְן דִי פַּרְנָסָה.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה״, אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע - דָאס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה; אַז אִיר ווִילְט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן מִיט פַּרְנָסָה - זָאלְט אִיר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן; גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, זַייט אִים מְחַזֵק - דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן מוּט, עֶס וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - קוּמְט גְרוֹיס שֶׁפַע.

וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן בַּיי דִי לִיכְט אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, הַאלְטְס דִי הֶענְט אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט אִים אַלֶעס וָואס טוּט אַייךְ וֵויי. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיר טוּט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אִיר שֵׁיידְט אָפּ חַלָּה, אָדֶער וֶוען אִיר גֵייט וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ מִיט אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער אַרוֹיס פוּן הַארְץ אוֹיף אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אַייךְ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

## פַאַרְוָואס וֶוען אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוערְט מִיר שְׁוֶוערֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְלֶעג מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט דָאס צוּ טוּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט וֶוען אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ פְלֶעג דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי מַיין גַאנְצֶע טָאג אִיז פַארִיבֶּער אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. אֵיין נַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הָאבּ אִים דַאן דֶערְצֵיילְט מַיין טָאג. דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעוֵויינְט פַאר גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ אִים אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען גוּט, נָאר דִי רֶגַע וָואס אִיךְ הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּ אִים, שׁוֹין וֵוויין אִיךְ.

אַפָאר מָאל אוֹיבּ אִיךְ ווִיל עֶפֶּעס הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אִיךְ בֶּעט נִישְׁט אִיז אַלֶעס גוּט. אֵיינְמָאל אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן. אִיךְ טְרַאכְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אֶפְשָׁר וָואלְט אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען.

אָבֶּער וָואס פַּאסִירְט נָאכְדֶעם אִיז אַז אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ ווִיל בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ קָאוּמֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, קֶען אוֹיךְ

אויסקוקן אַז אַלֶעס איז גוט; מֶען וויינְט נִישְׁט, מֶען לַאכְט נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט. אָדֶער ווען מֶען שְׁלָאפְט, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען אויךְ גָארְנִישְׁט, מֶען וויינְט נִישְׁט, מֶען לַאכְט נִישְׁט, מֶען דַארְף נִישְׁט, אַלֶעס איז גוט; ווֶעט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'הַלְוַואי פַּאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ קָאוּמֶע'? אָדֶער: 'הַלְוַואי שְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט אויף'? עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט אַז זֵיי ווילְן טַאקֶע זַיין אִין אַ קָאוּמֶע, זֵיי ווילְן נִישְׁט אויפְשְׁטֵיין, אָבֶער אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ וויל יָא אויפְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אֶפְשָׁר ווֶעט עֶר הַיינְט ווֵיינֶען, אֲפִילוּ עֶר ווֶעט הָאבְּן אַ דוּרְכְפַּאל - דָאךְ וויל מֶען לֶעבְּן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶעקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אויף פוּן שְׁלָאף, ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶר אַזוֹי ווִי אִין אַ קָאוּמֶע; אֲפִילוּ עֶר גֵייט אוּן קוּמְט, טוּט אוּן מַאכְט - אִיז אַלֶעס אַזוֹי ווִי אִין חָלוֹם, מֶען אִיז נִישְׁט אויף; ווען מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶערְווֶעקְט מֶען זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן זַיין וַואכֶעדִיג.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים אוּן טוּט ווַייטֶער אַייעֶר אַלְטֶע הַנְהָגָה פוּן אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן דִי טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן אַייעֶר טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אויךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים.

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֵייזְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה; עֶס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען ווערְט גֶעזוּנְט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען בַּאקְן חַלּוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת דַוְקָא אוּם פְרַייטָאג?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מִשְׁתַּדֵל צוּ מַאכְן יֶעדֶע וָואךְ הֵיימִישֶׁע חַלּוֹת לְכָבוֹד שַׁבָּת, אִיךְ מַאךְ עֶס גֶעוֶוענְלִיךְ דָאנֶערְשְׁטָאג, אוּן בִּשְׁעַת אִיךְ גְרֵייט אָן דִי טֵייג בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז וֶוער עֶס עֶסְט פוּן דִי חַלּוֹת זָאל שְׁפִּירְן אִין דֶעם דִי בֶּעסְטֶע טַעֲמִים, מֶען זָאל בַּאקוּמֶען דֶערְפוּן וִויטַאמִינֶען, מִינֶערַאלְן, כֹּחַ; אַ גֶעשְׁמַאק אוּן זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן, אִין רוּחָנִיּוּת אוּן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, גוּטֶע מִידוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ סֵיי מִיט דִי תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט אוּן אַוַודַאי וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן הַפְרָשַׁת חַלָּה וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט שְׁטַארְק פּוֹעֵל'ן וַוייל עֶס אִיז מֶער אַן עֵת רָצוֹן.

פַּארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַז אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס שְׁטֵייט אַז דִי מִצְוָה פוּן בַּאקְן חַלּוֹת אִיז דַוְקָא אוּם פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב דָאס אִיז רִיכְטִיג, מִיר קוּמְט נִישְׁט אוֹיס עֶס צוּ קֶענֶען טוּן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִין דִי קוּרְצֶע פְרַייטָאגְס פוּן ווִינְטֶער, עֶס וֶועט זַיין אוֹיפ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרִי אוּן הָאבְּן וֶוינִיגֶער לַחַץ.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַ קְלָארְקֵייט אִין דִי מִצְוָה פוּן הַפְרָשַׁת חַלָּה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיף אַלֶע חִיזּוּקִים אוּן הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מְחַיֶּה מִיר מִיט מַיין מַאן אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב.

גוּט שַׁבָּת

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אוֹיס גְרִינְגֶער צוּ זַיין גְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת דוּרְכְן בַּאקְן דִי חַלּוֹת דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן נִישְׁט פְרַייטָאג - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם; אַדְרַבָּה, מִיט דֶעם וָואס אִיר בַּאקְט נִישְׁט פְרַייטָאג נָאר אַ טָאג פְרִיעֶר - זֶענְט אִיר מְכַבֵּד אַזוֹי דֶעם שַׁבָּת.

בִּפְרַט יֶעצְט ווִינְטֶער וֶוען דֶער זְמַן אִיז זֵייעֶר פְרִי - דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ קַיין חִלּוּל שַׁבָּת; מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען קֶען פוּן פְרִיעֶר כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זַיין גְרֵייט אִין צַייט.

בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעצִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט פְּרִיעֶר פוּנֶעם זְמַן, מֶען הָאט אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם שַׁבָּת.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס טוּט אַלֶעס כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַיין גְרֵייט אִין צַייט אוֹיפְצוּנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר גֶעבְּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אוּן בִּפְרַט אוֹיף דִי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קֶען יֶעצְט זָאגְן אַז אִיךְ הָאב דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גֶעעֶנְדִיגְט דִי זִיבֶּעטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אַלֶע פִיר חֲלָקִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף אִידִישׁ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֵּ', דוּ נוּצְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דוּ נֶעמְסְט דִי עֵצוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מִשְׁנָיוֹת; לֶערְן דָאס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען, מִשְׁנָיוֹת מַאכְט רֵיין, מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זָאגְט (נַחַל קְדוּמִים) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ", 'וַיִּקַץ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֶנְדֶע, 'מִשְּׁנָתוֹ' - דָאס אִיז מִשְׁנָיוֹת; דוּרְךְ מִשְׁנָיוֹת קוּמְט אַן עֶנְדֶע צוּ אַלֶע צָרוֹת, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווילְסְט אַ וַוייבּ אָדֶער ווילְסְטוּ טְשָׁאלְנְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חַיִּים טוֹבִים; אַז מֶען קֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ.

אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן פַאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דָאס פָאלְגְנְדֶע: בִּיז מַיין חֲתוּנָה אִיז יֶעדֶע שַׁבָּת גֶעוֶוען טְשָׁאלְנְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַ שַׁבָּת אָן טְשָׁאלְנְט. אָבֶּער נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, נָאכְדֶעם וָואס מַיין וַוייבּ אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס זָאל מִיר לֶערְנֶען ווִי אַזוֹי אִיר צוּ מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן, אִיז מַיין וַוייבּ גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס, אוּן יֶעדֶע שַׁבָּת וָואס מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין טְשָׁאלְנְט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אוֹיס מֶענְטְשׁ.

בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין אוּמַאן דְרֵיי יָאר צוּרִיק... אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מַיין וַוייבּ מַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין טְשָׁאלְנְט, הָאט מִיר דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעפְרֶעגְט: "דוּ דַארְפְסְט אַ וַוייבּ אָדֶער דוּ דַארְפְסְט טְשָׁאלְנְט?" דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט מִיר אַסַאךְ גֶעטוֹישְׁט, נִישְׁט נָאר בַּיי טְשָׁאלְנְט נָאר בַּיי אַלֶעס.

פָאריגֶע וָואךְ שַׁבָּת בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ יָא גֶעהַאט חַלָּה, חְרֵיין, פִישׁ אוּן זוּפּ, אוּן שַׁבָּת צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חַלָּה, פִּישׁ אוּן טְשָׁאלְנְט. אַסַאךְ וָואכְן הָאבּ אִיךְ נָאר חַלָּה אוּן דִיפְּס, לֶעצְטְנְס הָאט מֶען אוֹיךְ פִישׁ יֶעדֶע שַׁבָּת; בִּזְכוּת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּק אִיךְ נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען הָאט נִישְׁט, נָאר אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶס אִיז יָא דָא.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט,

עֶס אִיז טַאקֶע אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי וַוייבּ אָבֶּער עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אָן אִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אַז אִיךְ אָטֶעם נָאךְ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוּקְסְט אוֹיפְ׳ן לֶעבְּן מִיט אַ גוּטֶע בְּלִיק, דוּ לֵייגְסְט דָאס לֶעבְּן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זָאגְן אַז עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ׳ן, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר זָאגְט אִים: "אִיךְ אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ עֶרְוַוארְט אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ גוּטֶע מָאלְצַייט, מִיט אַ מְסוּדָרְ׳דִיגֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ וִויל זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן; אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים אִיז דִי שְׁטוּבּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵיידְט, דִי מִיסְט לִיגְט אִינְמִיטְן שְׁטוּבּ, נִישְׁטָא קַיין עֶסְן, וְעַל כּוּלָּם שְׁרֵייט זִי אוֹיף מִיר, זִי לָאזְט נִישְׁט אָטֶעמֶען", עֶר זָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "גֶענוּג אִיז גֶענוּג, אִיךְ גֵיי זִיךְ גֶטְ׳ן פוּן אִיר, אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט לַיידְן!" זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ זָאג דִיר אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ זָאג דִיר 'גֶטְ׳ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה', עֶס וֶועט דִיר זַיין נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער אָן אַ וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה", רֶבִּי נָתָן רֶעדְט צוּ אִים וֵוייכֶע וֶוערְטֶער, עֶר זָאגְט אִים: "וֶוער זָאגְט דִיר זָאלְסְט טְרַאכְטְן אַז דַיין וַוייבּ וַוארְט דִיר אָפּ מִיט וַוארֶעמֶע עֶסְן אוּן אַ צַאמְגֶענוּמֶענֶע שְׁטוּבּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן אוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶען - וֶוערְסְטוּ אַנְטוֹישְׁט, דוּ וֶוערְסְט בְּרוֹגֶז; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ פָאֶרשְׁטֶעלְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אַ חוּרְבָּן אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶעמָאלְן - וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ"; אוּן אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעהַאלְטְן דֶעם אִיד פוּן צֶעבְּרֶעכְן זַיין מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי גֶעזוּנְט פוּן דַיין וַוייבּ. אַז מֶען

איז מְזַלְזֵל אִין אַ וַוייבּ קֶען זִי פַארְלִירְן אִיר מֹחַ, דִי נֶערְוֶועז קֶענֶען זִיךְ צֶערַייסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; מֶען מוּז אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר, בִּפְרַט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים וָואס בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ - דַארְפְן מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

מַאךְ פְרֵייליךְ דַיין וַוייבּ, עֶס אִיז דִי מִצְוָה פוּנֶעם מַאן פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ; זָאלְסְט אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר, זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, "שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ", וַוייל דִי בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ אִיז אִין אִיר זְכוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יב, טז): "וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ", "וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רָבָא פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט מְחוּזָא: "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ", זַייט מְכַבֵּד עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער, "כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", אַזוֹי וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דִי עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**רופְן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צו דִי צַאמְקוּם**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז מֶען הָאט אַייךְ נִישְׁט גֶערוּפְן צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם; אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, מַיין וַוייבּ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט. מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ, זִי הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה צוּ פַארְמַאכְן דִי טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ פַאר אַ זְכוּת פַאר אֵיינֶעם וָואס וַוארְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה; הָאט זִי אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט פוּן דִי צַאמְקוּם.

עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אַז מֶען מַאכְט אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם אוּן מֶען רוּפְט נִישְׁט אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אַדְרַבָּה, פְּרֶעגְט זִיךְ נָאךְ בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן דָאס אַרַאנְזְשִׁירְט, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיז פְּשַׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן וֵוייסְן פוּן דִי צַאמְקוּם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ'

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס אִיר טוּט, אִיר נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי פְרוֹיעֶן זֵיי צוּ גֶעבְן חִיזוּק אוּן מֶען שְׁפִּילְט אוֹיף אַ שִׁיעוּר פוּן חִיזוּק, דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; וַוייל וֶוער נָאךְ דַארְף חִיזוּק אַזוֹי וִוי אִידִישֶׁע מַאמֶעס, זֵיי אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב אַרוּם דֶעם זֵייגֶער, טָאג אוּן נַאכְט.

אָבֶער אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן, אִיר דַארְפְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן צוּ רוּפְן יֶעדְן אֵיינֶעם. עֶס זֶענֶען דָא יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס וַוארְטְן אוּן קוּקְן אַרוֹיס וֶוען גֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין קֶענֶען צַאמְקוּמֶען הֶערְן חִיזוּק, אוּן וֶוען זֵיי גֶעפוּנֶען אוֹיס אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַאמְקוּם אוּן זֵיי הָאבְן דָאס פַארְפַּאסְט - הַאלְטְן זֵיי דָאס נִישְׁט אוֹיס; קוּקְט אַ בְּרִיוו וָואס אַ וַוייבְּל שְׁרַייבְּט:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז יֶעדֶע פָּאר וָואכְן אִיז דָא נָאךְ אַ גֶעדֶערִינְג, פַּאר יוֹם טוֹב פְלֶעג אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ טֶעקְסְט פוּן ... אָדֶער ..., בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר וֶוען עֶס וֶועט זַיין. דִי לֶעצְטֶע שִׁיעוּר, אוּן דִי שִׁיעוּר פוּן הַיינְט - הָאבּ אִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעפוּנֶען נָאכְדֶעם. מָרַת ... הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט גֶערוּפְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט דֶערְפוּן!

אִיךְ וַוארְט אַזוֹי לַאנְג צוּ הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט פַאר פְרוֹיעֶן, אָבֶער בֵּיידֶע מָאל הָאבּ אִיךְ עֶס פַארְפַּאסְט; וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה זִיךְ צוּ צַאמְקוּמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פְרוֹיעֶן? אִיךְ וֵוייס אַז פַאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דַארְף מֶען זָאגְן נָאר "יְיַשֶׁר כֹּחַ", אָבֶער וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז קוּמֶענְדִיגֶע מָאל זָאל אִיךְ יָא וִויסְן?

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶועם צוּ פְרֶעגְן, וֶועגְן דֶעם פְרֶעג אִיךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז נִישְׁט חוּצְפָּה, אָבֶער אִיךְ פִיל אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן עֶפֶּעס וָואס הַאלְט מִיךְ צוּרִיק פוּן קֶענֶען זַיין בַּיי אַ גֶעדֶערִינְג.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס!!!**

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי בְּרִיוו וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַזוֹיפִיל חִיזוּק מִיט פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט דִי נֵייעֶ וֶועכְנְטְלִיכֶע סְפָרִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן "אִישׁ אֱמוּנוֹת"? עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִיוו פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט דַיין שְׁאֵלָה, אוֹיבּ מֶען מֶעג לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן לֶערְנֶען וֶוען מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר טְבִילַת עֶזְרָא.

אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי אִינְגֶעלַייט פוּן דַיין חַבוּרָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֶעבְּן מִיט דִי בְּרִיוו; אַ שָׁאד דוּ לֵיינְסְט נִישְׁט דִי בְּרִיוו, דִי נֵייעֶ סְפָרִים, דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אוּן "אִישׁ אֱמוּנוֹת"; דָארְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל חִיזוּק, אַזוֹיפִיל עֵצוֹת, פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס - וֶוערְט פַארְעֶנְטְפֶערְט אַלֶע סְפֵיקוֹת, אַלֶע קַשְׁיוֹת.

דָא הָאסְטוּ דֶעם בְּרִיוו:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אוּן יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס אִיז אַלֶעס אִין אַייעֶר זְכוּת, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי פַאר דִי מִקְוֶה. אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם זִיבְּן אַזֵייגֶער אוּן אִיךְ דַאוֶוען אוּם נַיין אַזֵייגֶער.

בִּיז דֶעמָאלְט גֶעבּ אִיךְ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן צֶען מִינוּט פַּאר׳ן דַאוֶונֶען גֵיי אִיךְ אִין מִקְוֶה. אוּן וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג לֶערְנֶען תּוֹרָה אֵיידֶער אִיךְ גֵיי אִין מִקְוֶה. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֵיינְט אַ צֵייטוּנְג פַּאר אַ שָׁעָה, אַנְשְׁטָאט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוֶה.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶעם? יִישַׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז מֶען זָאל גֵיין גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה אוּן נָאכְדֶעם דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה - דַארְף מֶען דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער גֵיין אִין מִקְוֶה; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט אוּן דַאוֶונֶען נִישְׁט וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִקְוֶה.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין מִקְוֶה, הָאסְטוּ גֶעלֵיינְט אַ צֵייטוּנְג; אוֹיף דֶעם זָאגְט שׁוֹין דֶער רֶבִּי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמז): "יֵשׁ אֲנָשִׁים שֶׁבִּשְׁבִיל חוּמְרָא אַחַת - מְבַטְּלִין הַרְבֵּה מְאֹד מֵעֲבוֹדַת ה׳, כִּמְעַט הַכֹּל", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס צוּלִיבּ אַ חוּמְרָא פַארְלִירְן זֵיי אַלֶעס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה אָדֶער מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין וְכוּ׳ - טָאר מֶען נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה לֵיינְט מֶען נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְגֶען; צֵייטוּנְגֶען זֶענֶען מְטַמֵּא דֶעם מֶענְטְשׁ בְּמַגָּע וּבְמַשָּׂא.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, אָדֶער מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן מֶען ווִיל זַיין נִזְהָר אִין טְבִילַת עֶזְרָא - קֶען מֶען בִּשְׁעַת הַדְּחַק יוֹצֵא זַיין מִיט ט׳ קַבִּין, מֶען שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי שׁוֹיעֶר פַּאר פִינְף מִינוּט, אַזוֹי הָאט מֶען

**כָאטְשִׁיג ט׳ קַבִּין.**

**וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## רֵיינֶע הַשְׁקָפָה פַאר דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר אוּנְזֶער סְקוּל ״בֵּית פֵיגָא״; מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט, פוּן דִי רֵיינֶע הַשְׁקָפָה וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער.**

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן קִימְפֶּעטָארִינְס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

**אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן קִימְפֶּעטָארִינְס, זֵיי מַאכְן עֶסְן.**

**וֶוען אֵיינֶער אִיז שְׁוַואךְ קֶען מֶען יֶענֶעם אַזוֹי מְחַיֶ׳ זַיין מִיט אַ הֵייסֶע זוּפּ, אַ וַוארֶעמֶע גְרִיז וְכַדוֹמֶה; פַאר אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאס גְרִינְג צוּ מַאכְן אוּן פַארְ׳ן שְׁוַואכְן אִיז דָאס מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ׳.**

דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט אַייעֶר חֶסֶד.

...

## נָאר וֶוען מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ קֶען מֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

גֶעדֶענְקְט, קִינְדֶער - וֶוען זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ, אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וַוייל זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער, אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז וֶוען זֵיי מַאכְן זִיךְ קִינְדִישׁ, הָאט זֵיי וַוייטֶער לִיבּ, נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר זֵיי קֶענֶען אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען זֵיי זָאלְן וֶוערְן דֶערְוַואקְסְן, נָאר אַז אִיר הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין.

כְּלַל גָּדוֹל: נָאר וֶוען מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ קֶען מֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן.

...

## יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַארְ׳ן סְקוּל אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי סְקוּל מִיטְ׳ן בֶּעבִּיסִיטְן דִי קִינְדֶער.

מֵיינְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע אַרְבֶּעט, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן, דִי מַאמֶעס - קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער נָאר אַז אֵיינֶער גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אִיר אַלֵיינְס לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר'ן סְקוּל אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן זֵייעֶר חָשׁוּב.

...

## אַ נָארְמַאלֶע פְּלַאץ זִיךְ אַבִּיסְל צוּ דֶערְוַואֹרֶעמֶען מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ מוּז עֶנְק זָאגְן, אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר גְרוֹיסְן פוּן גֶעסְט וָואס קוּמֶען אִין שׁוּל בַּיי אַייךְ; זֵיי שְׁרַייבְּן אַז מֶען נֶעמְט זֵיי זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף, מֶען מַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁפִּירְן גוּט, דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. וַוייל מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, וָואס אִיז דֶער סִימָן וֶוען מֶען קוּמְט אוֹיף אַ פְּלַאץ, וִוי אַזוֹי וֵויסְט מֶען אוֹיבּ דָאס אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ? אוֹיבּ מֶען נֶעמְט שֵׁיין אוֹיף, מֶען פְרֶעגְט דִיר וָואס מֶען קֶען דִיר הֶעלְפְן - דָאס אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ.

אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א), דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ פֶּעסְטוּנְג, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַלֶע עֶסְן, אַלֶע טְרִינְקֶען אוּן אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי צִימֶערְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "דֶער קֶענִיג אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט", שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער קֶענִיגְ'ס טָאכְטֶער גֶעזָאגְט פַאר'ן שֵׁנִי לַמַּלְכוּת: "דָא אִיז דִי פְּלַאץ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע"; זָאגְט מוֹהֲרַ"אשׁ, אַז מֶען קוּמְט אִין אַ פְּלַאץ אוּן קֵיינֶער פְרֶעגְט דִיר גָארְנִישְׁט, קֵיינֶער זָאגְט דִיר גָארְנִישְׁט - אִיז דָאס אַ סִימָן פוּן אַ נִישְׁט גוּטֶע פְּלַאץ.

דָא קֶענְט אִיר זֶען אַ בְּרִיוו וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן חוּץ לָאָרֶץ וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת שְׁרַייבְּט מִיר:

**אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק אַהֵיים נָאכְן זַיין סוּכּוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִי בַּאזוּךְ יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גוּט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין אוּנְזֶער הַארְץ,**

אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע בַּאזוּךְ הָאבְּן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט, אַלֶעס צוּלִיבּ דִי נֵייעֶ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם.

דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שׁוּל וואו צוּ דַאוֶּוענֶען אוּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט כַאפְּן אַ שְׁטִיבְּלַאךְ אָדֶער שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אַ שׁוּל מִיט זְמַנִים וָואס פַּאסְט צוּ דִי הֲלָכָה אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ דִי צַייט וֶוען מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוֹיף כְּדֵי אַלֶע זָאלְן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן.

גְלַייךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, הָאבְּן מִיר אַלֶע אָנְגֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי דֶער חָשׁוּבְ׳סְטֶער מֶענְטְש, כָאטְשִׁיג כִּמְעַט קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט; מֶען הָאט מִיךְ מַמָש נִישְׁט גֶעלָאזְט זִיךְ שֶׁעמֶען אָדֶער שְׁפִּירְן נִישְׁט אַיינְגֶענֶעם.

אַזַא הַכְנָסַת אוֹרְחִים, פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט! עֶס אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַ גַן עֵדֶן צוּ קוּמֶען וַוייטֶער יֶעדֶע לֵיידִיגֶע מִינוּט, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין תְּפִלָּה.

עֶס אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַזַא שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם; יֶעדֶער אִיז גוּט מִיט אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ יֶעדֶער קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת. אוּן יֶעדֶער אִיז גֶעטְרֵיי אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ׳ן שׁוּל.

עֶרֶב יוֹם טוֹב הָאבְּן אַלֶע אַרַיינְגֶעכַאפְּט רֵיין צוּ מַאכְן דִי שׁוּל, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס דַארְף קוּמֶען רֵיין מַאכְן, פַאר יֶעדֶע קִידוּשׁ אָדֶער סְעוּדָה כַאפְּן אַלֶע אַרַיין אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן צוּצוּגְרֵייטְן.

יֶעדֶע תְּפִלָּה שִׁיקְט דֶער מְשַׁמֵשׁ בַּקוֹדֶשׁ ר׳ ... צוּ אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוּן אַלֶע גֵייעֶן צוּ בְּשִׂמְחָה, מַמָש נִישְׁט צוּ גְלֵייבְּן; בַּיי דִי קִידוּשִׁים לֶערְנְט פַאר הָרַב ... מִיט אַזַא פַּשְׁטוּת אוּן חֵן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז זִי מוּז אַרַיינְכַאפְּן וָואס מֶער צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶּוענֶען, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ נֶעמֶען דִי בֶּעבִּי, דֶער עִיקָר זִי זָאל שֶׁעפְּן חַיוּת פוּן אַזַא שׁוּל, אוּן זִי פַארְשְׁטֵייט זִיךְ הֶערְט טַאקֶע נִישְׁט אוֹיף צוּ נִתְפָּעֵל וֶוערְן.

מַמָּשׁ אַלֶע סְפָרִים וָואס מֶען דַארְף, אַלֶעס אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי שֵׁיין.

בַּיי דֶעם רֶבִּינְ'ס יָארְצַייט אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גוּט צוּ זֶען וִוי הָרַב ... גֶעבְּט זַיין סוּכָּה אוּן שְׁטֶעלְט צוּ אַ סְעוּדָה, אוּן הָרַב .. בְּרֶענְגְט פִּישׁ; אַלֶעס מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶער הֶעלְפְט אַרוֹיס.

יֶעדֶע מָאל גְרֵייט ר' ... מִיט זַיינֶע זִין צוּ אַלֶעס אַזוֹי שֵׁיין, אוּן אַלֶע גִּלְיוֹנוֹת מִיט קוּנְטְרֵסִים לִיגְן מְסוּדָּר גְרֵייט אִין שׁוּל. פַאר'ן פָארְן הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט קוֹיפְן בַּיים מֶרְכַּז הַהַפָּצָה פוּן ר' ... אַ שֶׁפַע פוּן סְפָרִים, סִידוּרִים אוּן קְמֵעוֹת, אַלֶעס אַזוֹי שֵׁיין מְסוּדָּר מִיט פְּרַייזְן.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער גֶעקוֹיפְט דָארְט קַארְטְלֶעךְ אוּן מֵפִיץ גֶעוֶוען אִין מֵאָה שְׁעָרִים גֶעגְנְט, אַזוֹי אוֹיךְ גִּלְיוֹנוֹת מִיט עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

וְויִפִיל אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן וֶועט דָאס נִישְׁט זַיין גֶענוּג אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען מַיין גוּטֶע גֶעפִיל פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאב פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער זִיךְ גֶענוּג אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי פְּלַאץ.

אַזֶעלְכֶע בְּרִיוּו בַּאקוּם אִיךְ כִּמְעַט יֶעדְן טָאג; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶס אִיז דָא אַ לִיכְטִיגֶער ווִינְקֶל אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ, אִין מֵאָה שְׁעָרִים; אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְוַוארֶעמֶען מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה, אַ נָארְמַאלֶע פְּלַאץ.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיב אִיר וֵוייסְט, מוֹהֲרַאְ"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַוְקָא אִין יְרוּשָׁלַיִם; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, נָאכְדֶעם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען; יֶעצְט אִיז נֵייעֶ צֵייטְן, יֶעצְט הֵייבְּט אָן דֶער רֶבִּי אַרַיינְקוּמֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער אִין דִי וֶועלְט.

גֶעדֶענְקְט, פַארְגֶעסְט נִישְׁט וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן, פַארְוָואס זֶענֶען מִיר דָא? פַארְוָואס זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַלֶע פָּאלִיטִיק, אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן; מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַז דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז רֵיינִיגְן אוּנְזֶער מֹחַ, מִיר זָאלְן נָאר דִינֶען דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גָארְנִישְׁט װעלְן, נָאר זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

װער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי נַייעֶ סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״ש, וָואס אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה דֶעם רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל פַּאר אוּנְז פְּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן, װִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ װערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן װעלְן נָאר אֵיין זַאךְ, טוּן דֶעם װִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער װערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן בַּיי נְפִילַת אַפַּיִם מִזְמוֹר כה: ״אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא״, אוּן מֶען הָאט אִינְזִין דֶערְבַּיי: ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר דִיר צוּ טוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַװעק מַיין זֶעל׳; דִי װעלְט הָאט מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט גְרֵייט אוֹיף דֶעם, מֶען פַאלְט אוֹיפְ׳ן פָּנִים אוּן מֶען זָאגְט דָאס נָאר מִיט דִי מוֹיל, מֶען הַאלְט נִישְׁט בַּיי דֶעם - אִיז עֶס אַ סַכָּנָה, דֶערִיבֶּער זָאגְט מֶען: ״רַחוּם וְחַנּוּן חָטָאתִי לְפָנֶיךָ וגו׳, ה׳ אַל בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי, וְאַל בַּחֲמָתְךָ תְיַסְּרֵנִי״; אָבֶּער מוֹהֲרָא״ש זָאגְט (סִידוּר עֵת רָצוֹן, נְפִילַת אַפַּיִם), װער עֶס װִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲבֵירוֹת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ זָאל זָאגְן קַאפִּיטְל כה. מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם קָאפּ נָאר בַּיים עֶרְשְׁטְן פָּסוּק, אוּן בִּשְׁעַת מֶען פַאלְט אוֹיפְ׳ן פָּנִים זָאגְט מֶען דִי װערְטֶער: ״אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא״, מֶען זָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ שְׁטַארְבְּן פַאר דִיר״, אוּן מֶען הָאט אִינְזִין בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט ׳אֵלֶיךָ ה׳׳ דִי פִיר שֵׁמוֹת ע״ב ס״ג מ״ה ב״ן, דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ פַאלְן אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף װעלְכֶע הַאנְט מֶען דַארְף מַאכְן נְפִילַת אַפַּיִם; דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ׳נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קלא, סְעִיף א) מֶען זָאל פַאלְן אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט, זָאגְט דֶער רְמָ״א אַז בַּיי שַׁחֲרִית װען מֶען הָאט אָן דִי תְּפִילִין זָאלְן מֶען פַאלְן אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט צוּלִיבּ דִי כָּבוֹד פוּן דִי תְּפִילִין אוּן בַּיי מִנְחָה זָאל מֶען פַאלְן אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט; אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תמח) אַז אַמָאל

איז עֶר גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְס, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית און גֶעפַאלְן נְפִילַת אַפַּיִם אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, און דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי סְעַדְיָה גָאוֹן איז גֶעקוּמֶען צוּ אִים און אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף פַאלְן נְפִילַת אַפַּיִם אוֹיף בַּיי שַׁחֲרִית אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט, פוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי גֶעטוּן און אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זָאגְן דֶעם מִזְמוֹר, יֶעדֶער אִיד אִיז גְרֵייט אוֹיף מְסִירַת נֶפֶשׁ. בִּשְׁעַת דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער: "אֵלֶיךָ ה' נַפְשִׁי אֶשָּׂא", זָאלְסְטוּ זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ בִּין גְרֵייט אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ" - וֶועסְטוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן רֵיין; בִּפְרַט וֶוער עֶס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, און ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן - זָאל דָאס טוּן, עֶר זָאל זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר".

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ מוּז מְקַצֵּר זַיין; עֶס אִיז עֶרֶב שַׁבָּת, אִיךְ דַארְף שׁוֹין פָארְן מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה צוּ שְׁטֶעטְל. אִיךְ גֵיי בְּדֶרֶךְ כְּלַל יֶעדְן שַׁבָּת מְבָרְכִים צוּ שְׁטֶעטְל, אִיךְ דַארְף שׁוֹין גֵיין; אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זַייעֶר זַיין אַ שַׁבָּת אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל, אִיר לֵייגְט אַרַיין אַייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ און מֹחַ ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע

טֶעכְטֶער, אִיר אַרְבֶּעט אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

## אַן אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה אִיז בֶּעסֶער פוּן אַ שֵׁיינֶע דְּרָשָׁה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער אִין ״בֵּית פֵיגָא״.

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; דֶערְצֵיילְט זֵיי יֶעדְן טָאג אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה פוּן אַייךְ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן דָאס צוּ טוּן. עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער וֶוען אַ טִיטְשֶׁער דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה פוּן זִיךְ וִוי סְתָּם הַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע דְּרָשָׁה, וַוייל דִי קִינְדֶער קֶענֶען דָאס גְלַייךְ נָאכְטוּן, וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַיינְטִיגֶע טֶעג.

...

## אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן הֶעלְפְן דִי סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי; מָרַת ... תְּחְיֶ׳

זָאגְט מִיר זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז בַּיי דַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּבּ עֶסְט מֶען פְלֵייש בְּהֶכְשֵׁר פוּן דִי רַבָּנוּת; עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, ווייל דַיין שְׁוֶוער שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער ווי אַ שֵׁיינֶער אִיד, עֶר אִיז אַ רָב, מִיט רֶבִּי״שֶׁע בֶּעקִיטְשֶׁעס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אִין שְׁטוּבּ אִיז הֶפְקֵר רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען עֶסְט פוּן כָּל הַבָּא לְיַד.

דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶסְן פוּן דִי פְלֵייש; פְרֶעג אַ דַיָּין אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט בִּכְלַל עֶסְן בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ. עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין בַּא׳טַעֲמְ׳טֶע עֵסֶק, אָבֶּער נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת קֶענְסְטוּ נִישְׁט עֶסְן.

פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אִיךְ וֵייס פֶּעלֶער וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט פַאר תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן פַאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין פְלֵייש אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן צוּ דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זֵיי לְמַעַן הַשָּׁלוֹם וּלְמַעַן כִּיבּוּד אָב וָאֵם יָא עֶסְן - אָבֶּער דָאס אִיז נָאר וֶוען עֶס אִיז כָּשֵׁר, אוֹיבּ הָאט דָאס נִישְׁט קַיין הֶכְשֵׁר, נָאר דִי הֶכְשֵׁר פוּן רַבָּנוּת - אִיז דָאס חֲזִיר טְרֵיף.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דִּי אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל אִיז מַמָּשׁ אַ חָלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז נִישְׁטָא גֶענוּג וֶוערְטֶער צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוּנְזֶערֶע גֶעפִילְן וָואס מִיר הָאבְּן פַּאר אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת, וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּלֶעךְ אוּן מַאמֶעס; דִּי חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט זֵיי אַלֶע, דִּי אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל אִיז מַמָּשׁ אַ חָלוֹם.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל זֶעעֶן מִיר דִּי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט מִיט בְּלוּט פוּן הַארְץ וִוי עֶר ווִיל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית חִינוּךְ לְבָנוֹת, אַ פְּלַאץ פַּאר דִּי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט הֵיילִיגְקֵייט, מִיט רֵיינְקֵייט, פָּשׁוּט, צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילִיךְ; דָאס אִיז בַּיי אוּנְז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן.

דִּי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זֶעעֶן מִיר יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ דִּי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט, דֶּרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, שֵׂכֶל׳דִיג; דִּי יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן מֶער פַארְשְׁטַאנְד וִוי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, דִּי קִינְדֶער ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי ווֵייסְן וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אֵיין וָוארְט: ״זַייט מַמְשִׁיךְ״.

...

## וָואס מִיר טוּעֶן אוֹיפְצוּבוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַרְחֶשְׁוָן, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִּי סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵייַ.

דָאס בִּיסְל וָואס מִיר טוּעֶן אוֹיפְצוּבוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה - דָאס בְּלַייבְּט; נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

...

## אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ'

שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

זַייט מְחַזֵק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶנְקֶער שְׁטוּב זָאל זַיין נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וּגְמִילוּת חֲסָדִים.

...

## אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי טִיטְשֶׁערְס זֵייעֶר חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ; יֶעדֶעס טְרָאפּ כֹּחַ וָואס מֶען לֵייגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ טִיטְשֶׁער; אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי טִיטְשֶׁערְס זֵייעֶר חָשׁוּב.

...

## די מֵיידְלֶעךְ זָאלְן קֶענֶען גוּט הִלְכוֹת שַׁבָּת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ה מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי בְּחִינוֹת פוּן דִי תַּלְמִידוֹת אוֹיף הִלְכוֹת שַׁבָּת; הִלְכוֹת בִּשּׁוּל. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז דִי קִינְדֶער נֶעמֶען עֶרְנְסְט דֶעם לִימּוּד, ווַייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן זֵיי זַיין אִידִישֶׁע מַאמֶעס, זֵיי וֶועלְן פִירְן אַ קָאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט הִלְכוֹת שַׁבָּת - קֶען מֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין חִלּוּל שַׁבָּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט לֶערְנֶען מִיט זֵיי וָואס מֶער הֲלָכוֹת אוּן דָאס גוּט מַסְבִּיר זַיין, זֵיי זָאלְן גוּט קֶענֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין צְוֵויי זַאכְן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## ווֵיינֶען אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ נָאר וֶוען עֶס אִיז פוּן פְרֵייד

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זַייט פְרֵיילִיךְ, וַוארְפְט אַרוֹיס די עַצְבוּת וּמְרִירוּת; ווֵיינֶען אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ נָאר וֶוען עֶס אִיז פוּן פְרֵייד, אָבֶּער וֶוען מֶען ווֵיינְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אִיז עֶס אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, עֶס אִיז סִטְרָא אַחֲרָא.

הֶערְט אוֹיף ווֵיינֶען, זַייט נָאר פְרֵיילִיךְ; אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט די שְׁכִינָה רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, אַייעֶר מַאן וֶועט לִיבּ הָאבְּן אַהֵיים צוּ קוּמֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק פַאר'ן מַאן צוּ זֶען די וַוייבּ ווֵיינֶען.

...

## דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זֶען אַ רִיכְטִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

**מָרַת ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן אֵיידְל, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זֶעט אוֹיף דִי תַּלְמִידוֹת אַז זֵיי פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייעֶר צְנִיעוּת, פוּן אַייעֶר אֵיידְלְקֵייט; עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְזֶער סְקוּל צוּ הָאבְּן אַזַא בֵּיישְׁפִּיל וִוי אִיר זֶענְט, דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זֶען אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ וִוי אַזוֹי אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף זִיךְ פִירְן, סַיי מִיטְ'ן אָנְטוּן אוּן סַיי מִיט דִי אוֹיפְפִירוּנְג.

אוֹיךְ אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ, פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## וִוי מֶער מֶען בֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ, אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט דִי שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

**... תִּחְיֶ'**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי מֶער מֶען בֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ - אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט דִי שִׁידוּךְ.

...

## ווי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט אִין סְקוּל מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ.

אַז אִיר ווילְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס פְלֶעגְן זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין׳ס עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג; עַל כָּל פָּנִים מִיר דַארְפְן דָאס זָאגְן כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ טָאג.

דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין זָאלְט אִיר חַזֶר׳ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דָאס בּוֹיט אוֹיף דִי אֱמוּנָה. ״אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא״, עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן, ״וּמַנְהִיג״ אוּן פִירְט, ״לְכָל הַבְּרוּאִים״, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, ״וְהוּא לְבַדּוֹ״, אוּן עֶר אַלֵיין, ״עָשָׂה״, הָאט גֶעטוּן, ״וְעוֹשֶׂה״, אוּן טוּט, ״וְיַעֲשֶׂה״, אוּן וֶועט טוּן, ״לְכָל הַמַּעֲשִׂים״, אַלֶעס וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

ווי מֶער מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער - אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ״הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם וְכוּ׳, עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה״, אַז מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה, ״זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה״, דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה.

...

## גֶעבְּט אִיבֶּער דֶעם סוֹד ווי אַזוֹי אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע חָשׁוּבֶ׳עֶ קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא מז.) ״אָמְרוּ לָהּ חֲכָמִים: מַה עָשִׂיתְ

שֶׁזָּכִיתָ לְכַךְ?״ די חֲכָמִים הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט די פְּרוֹי קִמְחִית זי זָאל אוֹיסְזָאגְן איר סוֹד וִוי אַזוֹי זי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַז אַלֶע אירֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אִיךְ מֵיין מֶען דַארְף אַייךְ אוֹיךְ פְרֶעגְן, וָואס אִיז די סוֹד אַז אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אֵיינְס בַּיי אֵיינְס - זֶענֶען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים? נָאךְ הֶעכֶער פוּן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים - זֵיי זֶענֶען אַלֶע מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען גוּטֶע מְלַמְּדִים, שֵׂכֶל'דִיגֶע מְלַמְּדִים, וַוארֶעמֶע אוּן הַארְצִיגֶע מְלַמְּדִים, זֵיי בּוֹיעֶן אוֹיף די קִינְדֶער; אוֹיךְ אַייעֶרֶע טֶעכְטֶער זֶענֶען טִיטְשֶׁערְס - וָואס אִיז דֶער סוֹד?

וֶוער אִיז דֶען רַייכֶער פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס זֶעט אִירֶע קִינְדֶער גֵיין אִין די וֶועג פוּן די תּוֹרָה? וָואס נָאךְ קֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן? וָואס מֶער קֶען מֶען הָאבְּן? דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבְּט אִיבֶּער די סוֹד פַּאר אַנְדֶערֶע, זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים.

...

## הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף די קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב

... תִּחְיֶ'

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין סְקוּל אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטֶע מֵיידְל, קְלוֹיבְּט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס די זִיסֶע מֵיידְלֶעךְ פַּאר מְיֻחָסוֹת; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיב אַ טִיטְשֶׁער נֶעמְט זִיךְ אַפָּאר קִינְדֶער אוּן זֵיי קֶענֶען טוּן וָואס זֵיי ווילְן, זֵיי הֶערְט מֶען אוֹיס, צוּ זֵיי רֶעדְט מֶען וְכוּ' וְכוּ'; מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב בַּיי די טִיטְשֶׁער.

הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף די צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, נָארְמַאלֶע עֶלְטֶערְן; גֶעבְּט זֵיי וַוארֶעמְקֵייט, וֶועט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, אִיר וֶועט הָאבְּן וואוּילֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

...

### הָאבּ זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט תְּשׁוּבָה טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר; אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מֶער נִישְׁט פַאלְן, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי כֹּחַ תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן; גְלֵייבּ אִין תְּשׁוּבָה, גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר וֶוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תנג): ״אִם הָיִיתִי עוֹבֵר חַס וְשָׁלוֹם עֲבֵרָה גְּדוֹלָה בְּיוֹתֵר״, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, ״אַף עַל פִּי כֵן לֹא הָיְתָה הָעֲבֵרָה מַשְׁלֶכֶת אוֹתִי כְּלָל״, וָואלְט דָאס מִיר גָאר נִישְׁט אַרָאפּ גִיוָוארְפְן, ״רַק הָיִיתִי אַחַר הָעֲבֵרָה אִישׁ כָּשֵׁר כְּמוֹ קֹדֶם״, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גְוֶועזְן אַזוֹי אֵיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיר, ״רַק אַחַר כָּךְ הָיִיתִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה״, דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן״.

אַז דוּ ווילְסְט אַ תִּיקוּן פַאר דִי עֲבֵירָה וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי טִיף אַרָאפְּגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלַן, מִיט פְרֶעמְדֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן גֵיין הֲפָצָה; גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פַאר דִי וֶועלְט; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תְּשׁוּבָה, דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן דַיינֶע.

...

## גֵיי וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג פוּן סְטְרַאשׁוּנְקֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דֶער וָואס הָאט דִיר גֶעוָוארְנְט אַז עֶר גֵייט דִיר שְׁלָאגְן אוֹיבּ דוּ גֵייסְט וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִּלְיוֹנוֹת; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג, עֶנְטְפֶער נִישְׁט צוּרִיק, דוּ גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר - זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, זַיי מְקַיֵים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״, אַנְשְׁטָאט מִיר זָאלְן פַאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים קֶענֶען מִיר אַלֶעס פַארְעֶכְטְן דוּרְךְ אַ בִּזָיוֹן.

מִיר הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעסְטְרַאשֶׁעט, מֶען הָאט מִיר דֶערְשְׁרָאקְן מִיט אַלֶע סָארְט שְׁרֶעק. אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אוּן מַיין וַוייבּ רוּפְט מִיר, זִי וֵויינְט, זִי זָאגְט מִיר אַז מֶען הָאט אִיר יֶעצְט גֶערוּפְן זָאגְן אַז מֶען גֵייט דִי נַאכְט פַארְבְּרֶענֶען אוּנְזֶער שְׁטוּבּ; מַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, זִי הָאט גֶעוֵויינְט; אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעדַארְפְט בַּארוּאִיגְן אוּן זָאגְן אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז.

טָאג אוּן נַאכְט הָאט מֶען גֶערוּפְן מַיין וַוייבּ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן סְטְרַאשֶׁען, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, נִישְׁט סְתָּם גֶערוּפְן מַאכְן פָּאנִי קָאלְס, בַּאקַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶערוּפְן סְטְרַאשֶׁען; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי רְדִיפוֹת וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָּב אַז מִיר הָאבְּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ צוּ זַיין רוּאִיג.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן טוֹיזְנְט בְּלֶעטֶער וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט דִי צַייט פַאר דֶעם, אִיךְ דַארְף גֵיין פָארְלֶערְנֶען פַאר דִי בָּחוּרִים; עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶעם זְמַן אִין יְשִׁיבָה אַ פְרִישֶׁע חֲבוּרָה בָּחוּרִים, טַייעֶרֶע בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף חִיזוּק; אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

זַיי שְׁטַארְק, גֵיי אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; פַארְשְׁפְּרֵייט וָואס מֶער דִי

גִלְיוֹנוֹת און די קוּנְטְרֵסִים, שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן קֵיינֶעם.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט עֶסְן טֶערְקִי פְלֵייש, דוּ בִּיסְט אַן אֵיינִיקֶל פוּן הֵיילִיגְן שְׁלָ"ה און עֶס זֶענֶען דָא אֵיינִיקְלֶעךְ פוּנֶעם שְׁלָ"ה וָואס פִּירְן זִיךְ נִישְׁט צוּ עֶסְן טֶערְקִי; קֶענְסְט עֶסְן טֶערְקִי פְלֵייש.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דִי מוֹסָד וְכוּ'; זָאלְסְט פַארְלַאנְגֶען בַּיים בֵּית דִין אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אִין עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת, זֵי זָאל נִישְׁט לֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין נִישְׁט פְרוּמֶע מוֹסְדוֹת.

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט זֶען צוּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער בַּיי דִיר וָואס מֶער; סְתָּם אַזוֹי וֶוען מֶען צֶעטֵיילְט זִיךְ הַשֵּׁם יְרַחֵם גֵייעֶן דִי קִינְדֶער צוּ דִי מַאמֶע, אָבֶּער אַז דִי מַאמֶע ווִיל אַוֶועק נֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג - זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט דַיינֶע לוֹיעֶרְס אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין וָואס מֶער בַּיי דִיר.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ מֶעגְסְט וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ווִידִיאוֹס פוּן שִׁיעוּרִים פוּן הִתְחַזְקוּת; בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קַיין שׁוּם ווִידִיאוֹ, אֲפִילוּ פוּן גוּטֶע זַאכְן; אָבֶּער בַּיי דִיר אִיז אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלַל, אִין דַיין פַאל וֶוען דִי מַאמֶע וַוייזְט זֵיי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יְרַחֵם - זָאלְסְטוּ זֵיי יָא וַוייזְן שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה, שִׁיעוּרֵי חִיזוּק.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ זָאלְסְט זֵיי עֶנְטְפֶערְן וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן דִיר: "טַאטִי, פַארְוָואס פִירְסְטוּ זִיךְ אֵיין וֶועג און מַאמִי פִירְט זִיךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג?"

זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן: "מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע אִידְן זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה"; רֶעד נִישְׁט צוּ זֵיי קֶעגְן זֵייעֶר מַאמֶע דִירֶעקְט, נָאר: "מֶען דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין אַז מַאמִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן".

בְּנוֹגֵעַ אוֹיף וָואס דוּ זָאלְסְט קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ, אוֹיף וָואס דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶעלְן, וָואס קֶען מֶען פַארְקוּקְן וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ יֶעצְט, כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט נָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ רֶעדְן פוּן אַ שִׁידוּךְ, נָאךְ דִי גֶט וֶועט מֶען רֶעדְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף אַלֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בַּאזַאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב

**מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ ווִיל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן הֶעלְפְן מִיט דִי בַּאזַאר. אִיךְ בַּאקוּם אוּמְצָאלִיגֶע בְּרִיוו פוּן מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי זָאגְן ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בַּאזַאר אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי הָאבְּן קְלֵיידֶער פַאר דִי קִינְדֶער, דִי בַּאזַאר פַארְקוֹיפְט פַאר אֵיינְצֶעלְנֶע דָאלֶער שֵׁיינֶע גוּטֶע קְלֵיידֶער - סֵיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי פַאר מֵיידְלֶעךְ.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְ'ן אַוֶועק גֶעבְּן צַייט צוּ מְסַדֵר זַיין דִי פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער וָואס מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַוֶועק פַאר דִי בַּאזַאר אוּן פַארְ'ן דָאס אַזוֹי שֵׁיין אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן צוּ קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר

אֵיינְצֶעלְנֶע דָאלֶער.

אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע זָאלְט אִיר וֶוערְן גֶעהָאלְפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

...

## שְׁרַייבְּן שְׁרִיפְט און שְׁפְּרַאךְ אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ב**

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְלַמְּדִים רֶבִּי ... נֵרוֹ יָאִיר און רֶבִּי ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיר טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס שְׁרַייבְּן, שְׁרִיפְט און שְׁפְּרַאךְ; עֶס אִיז צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ זֶען וִוי אִיר לֵייגְט אַרַיין קָאפּ, מֹחַ און הַארְץ, אִיר שְׁטֶעלְט צוּ אַזַא רַייכֶע חוֹמֶר אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען לֵיינֶען און שְׁרַייבְּן שְׁרִיפְט און שְׁפְּרַאךְ.

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי מְלַמְּדִים אִין לִיבֶּערְטִי, זֵיי וַוייזְן וָואס אִיר טוּט, זֵיי זָאלְן הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע גוּטֶע מַאטְרִיַאל אוֹיס צוּ לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, ווַייל שְׁרַייבְּן שְׁרִיפְט און שְׁפְּרַאךְ אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב): ״תִּשְׁתַּדֵּל לְהַרְגִּיל עַצְמְךָ בִּכְתָב נָאֶה וְלָשׁוֹן צַח כִּי הַכְּתָב וְהַמִּכְתָּב הוּא יְסוֹד גָּדוֹל לְתוֹרָה וַעֲבוֹדָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ״, עֶר זָאל אַרַיינְלֵייגְן כֹּחַ אִין שְׁרַייבְּן שְׁרִיפְט און שְׁפְּרַאךְ, ווַייל מֶען דַארְף דָאס הָאבְּן פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

פוּן ...

...

## לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט) אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, און אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## עֶס אִיז פַאר דִיר אוֹיךְ דָא אַ שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב**

**טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ, הַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן פוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, דוּ וַוארְטְסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, מֶען הָאט דִיר אִיבֶּערְגֶעהִיפְּט; דַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, און דַיינֶע יוּנְגֶערֶע נֶעפְיוּס און נִיסֶעס - אַלֶע הָאבְּן חֲתוּנָה און דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, פַארְלִיר נִישְׁט דִי אֱמוּנָה וּבִטָחוֹן, גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, עֶס אִיז פַאר דִיר אוֹיךְ דָא אַ שִׁידוּךְ. זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן: "הִתְבּוֹדְדוּת"; זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ און עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, וֶועסְטוּ מַאכְן אַזַא רַעשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיב וֶוען מֶען טַעֲנָה'ט זִיךְ, מֶען בֶּעט אִים מִיט טַעֲנוֹת און אֲמַתְלָאוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכד; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סט).

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, דִי מֹחַ וֶוערְט לוֹיטֶער, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַבִּיסְל תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַבִּיסְל תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ.

מוֹהֲרַ״אשׁ זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ; דֶער סֵפֶר אִיז פוּל מִיט חִיזוּק וְיִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען זֶעט דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טוּן מִצְוֹת אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

קוּק אִין פֶּרֶק יג, זָאגְט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא: ״לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם מְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ״; מוֹהֲרַ״אשׁ הָאט גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט אוּנְז דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער, נָאר שִׂיחוֹת, תְּפִילוֹת וְהִתְבּוֹדְדוּת; דָאס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען, עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט. בִּפְרַט סְתַּם שִׂיחוֹת יְלָדִים, פַארְבְּרֶענֶען צַייט מִיט מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז נִישְׁט אוּן עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט, נָאר שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז יָא אוּן דָאס בְּלַייבְּט.

שְׁטַארְק זִיךְ בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## פָארְן צוּזַאמֶען מַאכְן הֲפָצָה, אָבֶער הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף מֶען טוּן אַלֵיין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעלַאכְט פוּן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען פָארְן אִינְאֵיינֶעם אִין פֶעלְד וְכוּ׳.

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַן אֵיידֶעלֶע זַאךְ, אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ; הִתְבּוֹדְדוּת אִיז בַּד בְּבַד מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואו אִיךְ בִּין, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ; אִיךְ בִּין עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אִיךְ רֶעד צוּ אִים מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיךְ שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס וִוי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט מִיר; הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט אַן אוֹיסְפְלוּג וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ צַאם חֲבֵרִים אוּן מֶען גֵייט פַארְבְּרֶענְגֶען, מֶען גֵייט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, מֶען גֵייט שְׁרֵייעֶן אִין פֶעלְד טַ א טֶ ע ! ! ! וְכַדוֹמֶה.

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען חֲבוּרוֹת זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ חֲבוּרָה פוּן הֲפָצָה. נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען, אַפָּאר אִינְגֶעלַייט, בָּחוּרִים, אוּן גֵייט אִינְאֵיינֶעם הֲפָצָה; פָארְט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אָפּ, דוּ גֵיי אִין דֶעם בִּנְיָן דוּ גֵיי אִין יֶענֶעם בִּנְיָן; שְׁמוּעֶסְט אָפּ אַ זֵייגֶער וֶוען אַלֶע זָאלְן זַיין גְרֵייט אַהֵיים צוּ פָארְן, אוֹיפְ׳ן וֶועג זָאלְט אִיר זִינְגֶען: ״אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בְּנַחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ״, אוּן יֶעדֶער זָאל דֶערְצֵיילְן זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֲפָצָה, וִוי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי סְפָרִים, - וֶועסְטוּ מֶער אוֹיפְטוּן וִוי מַאכְן חֲבוּרוֹת צוּ פָארְן אִין פֶעלְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ג׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט דִי בְּרֶען פוּן אַמָאל, דִי גֶעשְׁמַאק פוּן אָנְהֵייבּ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כה): ״וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה׳״, אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְּלוּצְלִינְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, ״וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ״ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ״, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ׳; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק אִין דִי הַנְהָגָה וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן, מֶען בְּלַייבְּט אֵייבִּיג צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בּוֹי אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; קְלַאפּ זֵיי נִישְׁט, צֶעבְּרֶעךְ זֵיי נִישְׁט, לָאז זֵיי לֶעבְּן; אַנְשְׁטָאט זֵיי שְׁטֶעכְן - גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער. קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער, גוּטֶע וֶוערְטֶער בּוֹיט זֵיי אוֹיף, גוּטֶע וֶוערְטֶער מַאכְט זֵיי גֶעזוּנְט.

אִיךְ זֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, ווִיפִיל אִיךְ ווִיל זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן - גֵייט עֶס נִישְׁט, מֶען הָאט זֵיי אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט, מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶעמַאכְט, גֶערֶעדְט צוּ זֵיי נָאר פוּן גֵיהִנוֹם, פוּן שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי - יֶעדְן אֵיינֶעם - גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז נָאר צוּ בַּארוּאִיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג דַיין וַוייבּ אַז זִי דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן הָאבְּן אִין שְׁפִּיטָאל.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ב, אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה (לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב׳, סִימָן ב), דָאס אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה.

דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז נָאר בַּארוּאִיגְן; ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען? וֶוען מֶען רֶעדְט דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, מֶען זָאגְט: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז"; יֶעדֶעס וָוארְט אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק אוּן נַארִישֶׁע פְּחָדִים.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

...

## הַאלְט אַ סֵדֶר וַוייטֶער אַזוֹי וִוי וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶועןְ חֲתוּנָה גֶעהַאט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסֶער נֵס אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶע'גֶט; יֶעצְט זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע שִׁידוּךְ, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט בַּיינַאכְט אִין גַאס, הַאלְט אַ סֵדֶר אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, לֵייג זִיךְ צַייטְלִיךְ אוּן שְׁטֵיי אוֹיף אִין צַייט. זֵיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט אִינְדֶערְפְרִי צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת יֶעדְן טָאג, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי מִשְׁנַיּוֹת - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הַפָּצָה, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת מִבַּיִת וּמִחוּץ, וְויל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה ווִי גְרוֹיס דַיין זְכוּת אִיז, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זַייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתְּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״, קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, ״וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי״, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, ״וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי״, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי״, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ״, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי הַפָּצָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): ״כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל״, וֶוער עֶס רַאטֶעוֶועט נָאר אֵיין אִיד,

"מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר מַאכְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן דְרָשׁוֹת וְכַדוֹמֶה - דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְךְ דִי סְפָרִים.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן סַיי פוּן אִינֶעוֵוייֵנִיג, חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן אִינֶעוֵוייֵנִיג טוּט מֶער וֵויי וִוי חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן אִינְדְרוֹיסְן; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי נֵייעֶ סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרוּקְט, קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר שִׁיקְן אַפָּאר סְפָרִים, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דוּ ווִילְסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ - הָאסְטוּ אֵיין בְּרֵירָה, גֵיין נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט, אָדֶער אַז אֵיינֶער קוּקְט אוֹיף דִיר, מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְּן; אַז מֶען הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט אָדֶער גֶעקוּקְט אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען אוּן גֵיין וַוייטֶער, בִּפְרָט וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר אַ וָוארְט וָואס שְׁמֶעקְט דִיר נִישְׁט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס מֶענְטְשׁ; עֶס

איז נִישְׁט עֶק וֶועלְט וֶוען אַ טַאטֶע זָאגְט עֶפֶּעס וָואס שְׁמֶעקְט נִישְׁט.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בְּשֵׁם צַדִּיקִים אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, יד): "וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא", 'וּמִשְׁמָע', מֶען דַארְף קֶענֶען הֶערְן, 'וְדוּמָה', אוּן שְׁוַוייגְן, 'וּמַשָּׂא', אוּן דֶערְהֵייבְּן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִידִישְׁקֵייט, אוּן עֶרְלִיכְקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

צְנִיעוּת אִיז אַ גֶעפִיל; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַזוֹי אוּן אַזוֹי מוּז מֶען גֵיין, אוּן וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי אִיז שְׁלֶעכְט.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס גֵייעֶן נִישְׁט מִיט דִי זַאךְ וְכוּ', קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען מוּז גֵיין מִיט דֶעם אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס פְּרִיצוּת, דֶערִיבֶּער קֶען אִיךְ אַייךְ נִישְׁט זָאגְן אַז אִיר מוּזְט גֵיין מִיט דִי זַאךְ, אִיךְ קֶען אַייךְ אָבֶּער מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, עֶרְלִיכְקֵייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל - וֶועט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט דִי זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין מִיט אַ פַארְנֵייטֶע בֶּענְדְל פוּן אוּנְטֶער דִי פִּיס, מֶען זָאל זֶען אַז דָאס אִיז שְׁטְרוּמְפּ.

...

## וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל וֶוען מֶען גֵייט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַאֲ״שׁ זָאגְט, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְט גֶעוְוּיסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל וֶוען מֶען גֵייט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען; עֶס וֶוערְט אַ בַּאגְלֵייטְן אוֹיבְן אִין הִימְל, מַלְאָכִים לוֹיפְן אוּן שְׁרֵייעֶן: ״גֶעבְּט כָּבוֹד פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״ - וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל מִיט שִׂמְחָה, מִיט זְרִיזוּת, מֶען וָואלְט גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצֶע וֶועג; נָאר וְוִיבַּאלְד מֶען זֶעט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ - וֶוערְט מֶען אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט, מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֵייט יָא - אִיז דָאס מִיט עַצְלוּת וְעַצְבוּת.

עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, מֶען וֶועט זֶען וָואס תְּפִילִין אִיז, וָואס צִיצִית אִיז, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

גֵיי אִין שׁוּל מִיט שִׂמְחָה, לֵייג אַלֶעס אַוֶועק; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶּוענֶען לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט אוּן לוֹיף אִין שׁוּל.

...

## אוֹיסְנוּצְן דִי יוּנְגֶע יָארְן וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר גְרוּסְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְּלַייסִיג, אִיךְ בַּאקוּם גְרוּסְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פַארְטָאגְס; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער גוּטֶע גְרוּסְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְּלַייסִיג.

יֶעצְט אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן, דִי יְמֵי הַבַּחֲרוּת; אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה - קֶען מֶען לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה רַבָּה, זוֹכֶה זַיין צוּ תּוֹרָה בְּטָהֳרָה.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, כַאפּ זִיךְ אַרַיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער און וֶועלְדֶער, שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת לַייטֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת.

דוּ וואוֹינְסְט אִין אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, דִי שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ רֵיין, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ'; אַז מֶען נוּצְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ גַן עֵדֶן דָארְט צוּ וואוֹינֶען.

פוּן דַיין טַאטֶע.

...

## גוּטֶע עַקְשָׁנוּת

קִינְדֶער צִי וֵוייסְט אִיר אוֹיבּ זַיין אַן עַקְשָׁן אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אָדֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיף וָואס מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח) וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֲפִילוּ מֶען הָאט מְנִיעוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַנְדֶערֶע זַאכְן - דָארְט אִיז עַקְשָׁנוּת נִישְׁט גוּט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תל), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג און וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט פִירְן ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אָבֶּער

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט בִּיז עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פֵיְגָא - דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי׳ן - הָאט בַּאקוּמֶען דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; דָארְט אִין שְׁטוּבּ פְלֶעגְן קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, זֵיי פְלֶעגְן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ צוּהֶערְן.

אֵיינְמָאל הֶערְט דֶער רֶבִּי וִוי דִי צַדִיקִים שְׁמוּעֶסְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי גֵייעֶן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער בַּעַל תוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: ״אִיךְ וִויל אוֹיךְ מִיט פָארְן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק״; אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קוּקְן אוֹיפְ׳ן קְלֵיינֶעם נַחְמָן אוּן זָאגְן: ״דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד פוּן פִינְף יָאר, דִי וֶועג אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע, מֶען קֶען דִיר נִישְׁט מִיט נֶעמֶען״.



**אִיךְ מוּז מִיטְגֵיין!**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוְוּיסְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע פִּיס אִינֶעם רֶעדְל פוּנֶעם וָואגְן, דֶער בַּעַל עֲגָלָה קוּקְט ווִי דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן לִיגְט מִיט זַיינֶע פִּיס אִין רֶעדְל, עֶר שְׁרֵייט: ״אִינְגְל, שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף! לָאז דֶעם וָואגְן פָארְן״! דֶער רֶבִּי מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, עֶר ווִיל אוֹיךְ זֶען דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק, דֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף.

אוֹיפְ׳ן וָואגְן אִיז גֶעזִיצְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, רֶבִּי חַיִים קְרַאסְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי עֶס בְּרֶענְט אִין דֶעם אִינְגֶל עֲבוֹדַת הַשֵׁם, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעפּ אַרַיין אִין וָואגְן, עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ הִיטְן אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ דַאנְק דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִים קְרַאסְנֶער פַארְ׳ן מִיר מִיט נֶעמֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ קֶענֶען זֶען אֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין וָואס עַקְשָׁנוּת אִיז; עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ גוּטֶע מִדָה אוּן עֶס קֶען זַיין זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָה. וֶוען דִי טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן וָואס צוּ טוּן - דֶעמָאלְט פָאלְגְט מֶען אֲפִילוּ מֶען וִויל אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ עַקְשְׁנְ׳עֶן.